**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ד פרשת כי תצא ו לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

א גוט מארגן, מיטוואך פרשת כי תצא, ו' אלול תשפ"ו. א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן גוט מארגן; א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן טאג, און א פרייליכן, לעכטיגן און געבענטשטן "תמיד".

**די יומא דהילולא פון הייליגן תוספות יום טוב**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, עורו נא התעוררו נא! היינט איז דער טאג פון די יארצייט, די יומא דהילולא פונעם בעל תוספות יום טוב, רבי גרשון שאול יום טוב ליפמאן בן רבי נתן הלוי. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דער הייליגער תוספות יום טוב טוט א גוואלד אויף מעורר צו זיין אידישע קינדער איבער דעם ענין פון תפילה בציבור און די קדושה פון א בית המדרש.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, "פנים מאירות" האט ארומגעשיקט קבלות פארן עולם. די וואס באקומען נישט די קבלות פון פנים מאירות קענען ארייןרופן זיך איינצושרייבן. מיר בעטן אז וואס מער אידן זאלן זיך איינשרייבן דא אין די קבלות און זיך מיטשליסן אין די חבורת פנים מאירות, עס זאל זיין א זכות פאר פנים מאירות און פאר די אלע אידן דא וואס דארפן ישועות, פאר די קדושת המקום, און פאר די הצלחה פון פנים מאירות. מיר ווילן אז דער תוספות יום טוב זאל איינרייסן אויבן אין הימל פאר די הצלחה פון פנים מאירות.

**א רוף צו שטיצן די שיעורים פון 'פנים מאירות'**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר בעטן אייך זייער שטארק: זייט מנדב די שיעורים פון "גוט מארגן פנים מאירות" אשב"ש, לכבוד א יום השמחה, א יום הולדת, א יארצייט, אדער פאר א טאג וואס מען דארף א געוויסע ישועה און מען ווארט אויף רחמי שמים. **אלע נדבנים, ברוך הוי"ה ברוך הוא, זאען גרויסע ישועות סיי בדרך הטבע און סיי שלא בדרך הטבע, אין עניני בני חיי ומזוני רויחי, געזונט, פרנסה, נחת, און אין אלע עניני החיים, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות. זייט מנדב די שיעורים** כדי מיר זאלן קענען האבן א קיום; די הוצאות זענען למעלה ראש.

**מיר בעטן אויך אלע אידן: העלפט ארויס! ווען די פאנדרעיזערס רופן אריין און בעטן מנדב צו זיין** – זיי זענען איידל און בעטן בלויז א קליינעם סכום – זאגן מיר אייך אז מיר ווילן עס זאל נתקיים ווערן ביי אייך די ברכה פון "יוסף ה' עליכם ככם אלף פעמים". געבט מיט א ברייטער האנט און א נדיבות'דיגע גייסט, אז דער אייבערשטער זאל מוסיף זיין אויף דעם סכום אלפי אלפי פעמים.

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, די זכות וואס יעדער איד האט צו קענען שטיצן און העלפן מפיץ זיין פנים מאירות בעולם, איז לא ישוער ולא יתואר; עס זענען נישטא קיין ווערטער דאס מסביר צו זיין. טויזנטער טויזנטער אידן באקומען חיזוק, באקומען א דרך התורה, און ווערן מקושר מיט תורה, עבודה, יראת שמים, פנים מאירות, אמונה, שלום, בטחון און שמחה. זיי ווערן אויפגעלויכטן אין די בחינות פון גוף, נפש, רוח, נשמה, חיה און יחידה. די זכותים זענען גאר גרויס.

**מיר האבן עטליכע אידן וואס גייען ארום נאך געלט, וואס זיי רופן ארום נאך געלט. הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, זכותם גדול מאוד, לא יאומן כי יסופר. דער אייבערשטער וועט זיי באצאלן בזה ובבא; זיי וועלן זען שמחה, נחת, אריכות ימים, געזונט און שטארקייט, ברוחניות ובגשמיות, אהבה ואחוה שלום ורעות. אלע ברכות און אלע ישועות, ווינטשט זיי און, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער,** זייט מתפלל פאר זיי, אבער נעמט זיי אויך אויף ווארעם און געבט גרויסע געלטער. וואס גרעסער דו געבסט, אלס ווייניגער וועט דיר פעלן און מער וועסטו האבן, בעזרת השם ובסיעתא דשמיא.

איך וויל נאכאמאל בעטן: ווער עס קען מקבל זיין די קבלות פון תוספות יום טוב אין די חבורה פון "פנים מאירות", וועט עס זיין פאר אונז א גרויסער זכות און א גרויסע טובה, הצלחה, ברכה און סיעתא דשמיא.

**די גרויסקייט פון דינען דעם אייבערשטן מיט שמחה**

דער הייליגער תפארת שלמה זאגט, דוד המלך זאגט אין תהלים (פ"ו): "שַׂמֵּחַ נֶפֶשׁ עַבְדֶּךָ" – באשעפער, מאך פרייליך די נפש פון דיין קנעכט, "כִּי אֵלֶיךָ ה' נַפְשִׁי אֶשָּׂא" – ווייל צו דיר אייבערשטער קוק איך ארויף, איך געב מיך איבער פאר דיר און איך קוק ארויף צו דיר.

אויף דעם פרעגט דער הייליגער תפארת שלמה: וואס איז דער פשט פון די ווערטער? פארוואס זאלסטו מיך משמח זיין נאר "ווייל" צו דיר ה' נפשי אשא?

אויף דעם ענטפערט ער אזוי: די עיקר עבודת ה' וואס איז באוויליגט פארן הייליגן באשעפער, איז ווען מען טוט די מצוות מיט שמחה. די גאנצע כוונה פון באשאפן די וועלט איז געווען שמחה, ווי עס שטייט: "יִשְׂמַח ה' בְּמַעֲשָׂיו" – אז דער הייליגער באשעפער זאל האבן א שמחה

פון זיינע באשעפעניש, און אז אידישע קינדער זאלן מאכן א נחת רוח פארן בורא כל עולמים. ״יִשְׂמַח יִשְׂרָאֵל בְּעֹשָׂיו״ – דער הייליגער באשעפער זאל זען ווי אידישע קינדער פרייען זיך מיט דעם באשעפער.

**דער מקור פון די נשמה איז אין ׳מקום השמחה׳**

ס׳שטייט אין תיקוני זוהר אז תורה אן אהבה ויראה, אן דחילו ורחימו, גייט נישט ארויף. דער הייליגער תפארת שלמה מסביר דעם ענין: **וואס איז דער עיקר מקור פון וואו די נפש קומט? וואו איז דער מחצב, פון וואו מען האט ארויסגענומען די נפש פון יעדן איינעם? זאגט דער הייליגער תפארת שלמה: ״ממקום שמחה״. ״עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ״, אזוי שטייט אין דברי הימים**. מיר זאגן אויך ביי שמחת חתן וכלה: ״הַשִּׂמְחָה בִּמְעוֹנוֹ״.

ממילא, ווען די נפש ווערט דערהויבן דורך תורה ומעשים טובים, קען זי נישט ארויפגיין און זי קען נישט דערהויבן ווערן נאר דורך שמחה; ווייל דאס איז איר שורש, דאס איז איר ערשטע פלאץ, און אהין דארף זי צוריקגיין. דער מקור און די השתוקקות וואס מיר האבן צוריקצוגיין צום מקור, קען נאר קומען מתוך שמחה. אויף דעם זאגט ער, אז אזוי ווי די תכונת הנפש און איר מקור קומט ממקום השמחה, קען זי נישט סובל זיין קיין עצבות הגוף. זי קען נישט פארטראגן דאס וואס דער גוף לייגט אן יעדע זאך אויף א מקרה און אויף דעם טבע העולם.

מיר זאגן אין ״והוא רחום״ מאנטאג און דאנערשטאג: ״נבהלה נפשנו מרוב עצבונינו״ – מיר זענען דערשראקן. פון וואו קומט די בהלה? וואס עפעס איז דא א בהלה? זאגט ער: ״מרוב עצבונינו״, ווייל מיר האבן צופיל עצבות. ״ונפשי נבהלה מאד״, ווייל די עצבות ברענגט אונז א פיזור הנפש, און דאס מאכט אונז דערשראקן.

אפילו ווען א מענטש שפירט אן עצבות ווייל ער האט געזינדיגט, אדער ווייל ער איז נישט אנגעקומען אין לעבן צו דער מדרגה וואס ער וואלט באמת געדארפט דערגרייכן, דארף ער וויסן אז מען קען נישט שטענדיג עוסק זיין אין דעם ענין פון תשובה. עס זענען דא ספעציעלע זמנים דערפאר, אבער אפילו דעמאלט דארף עס אויך זיין מיט שמחה, ווייל ״גדולה תשובה שמגעת עד כסא הכבוד״ (יומא פ״ו.), און צום כסא הכבוד קען מען דאך נישט אנקומען אן שמחה.

דוד המלך זאגט: ״מזמור לדוד בבוא אליו נתן הנביא״. די גמרא אין מסכת ברכות (דף ז׳ עמוד ב׳) ברענגט די קשיא פון די מפרשים: פארוואס שטייט ״מזמור לדוד״? עס וואלט דאך געדארפט שטיין ״קינה לדוד״! ער האט זיך דאך דא געדארפט אויסוויינען און אויסקלאגן אויף דעם וואס ער האט געזינדיגט. נאר דער תירוץ איז, אז וויבאלד דוד המלך זאגט דא אין קאפיטל נ״א די פסוקים פון תשובה, האט ער קודם געדארפט מקדים זיין אז ער וועט נאר קענען מנצח זיין דורך געזאנג; דורך א ״מזמור לדוד״. עס מוז קומען דווקא מתוך שמחה ומזמור.

אזוי איז געווען די עבודה פון די לויים אין בית המקדש, זאגט ער. אידישע קינדער האבן געברענגט קרבנות פאר א כפרה, און מ׳דארף טאקע תשובה טון, אבער תשובה דארף מען טון מתוך שמחה. ״בדחילו ורחימו״ האבן די לויים געזונגען. דעריבער, ווען דוד המלך הייבט אן דעם קאפיטל פון תשובה, קאפיטל נ״א, הייבט ער אן מיט ״מזמור לדוד״. ער זינגט זמירות, שירות ותשבחות, ווייל דורך דעם וועט ער אנקומען צו תשובה. ״שמח נפש עבדך״. דער אייבערשטער זאל העלפן מיר זאלן שטענדיג זיין בשמחה. ״כִּי אֵלֶיךָ ה׳ נַפְשִׁי אֶשָּׂא״ – ווייל איך וויל מיך מדבק זיין אין דעם שורש, און זיך מדבק זיין אין שורש מיט מסירות נפש קען מען נאר מתוך שמחה ואהבה.

אזוי ווי די גמרא זאגט אין ברכות (ס״א עמוד ב׳) אויף רבי עקיבא, אז זיין גאנץ לעבן האט ער זיך מצער געווען און געוואלט מקיים זיין דעם פסוק ״שְׁמַע יִשְׂרָאֵל ה׳ אֱלֹהֵינוּ ה׳ אֶחָד, וְאָהַבְתָּ אֵת ה׳ אֱלֹהֶיךָ בְּכָל לְבָבְךָ״. ער האט זיך שטענדיג געוואלט מדבק זיין און מוסר נפש זיין פאר׳ן אייבערשטן. ער האט געווארט אויף דעם זיין גאנצע לעבן, און אז מ׳ווארט אויף עפעס, קומט עס מתוך ששון ושמחה.

**די מידה פון ׳טוב לב׳ און מעשיות פון צדיקים איבער שמחה**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, שמחה איז א גוטע מידה. דער רמב״ם זאגט אז מ׳זאל נישט זיין צולאזט און אויך נישט טרויעריג, נאר א מענטש זאל זיין ״שמח כל ימיו בנחת״, רואיג און מיט א סבר פנים יפות, און דאס איז די מידה פון ״טוב לב״. אזוי שרייבט דער רמב״ם, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, דאס איז זיין לשון.

אין ספר ״עשרה למאה״, פונעם מחבר דער מגיד פון וואודיסלאוו, רבי צבי הירש בן רבי יהודה לייב – וואס איז געווען דער טאטע פונעם הייליגן רבי ר׳ בונם פון פשיסחא – פארציילט ער דארט אין דרוש ו׳ אזוי: עס איז געווען אן איש צדיק וואס איז געווען א גרויסער ארעמאן.

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ד פרשת כי תצא ו לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

ער האט געוואוינט אין א שטאט מיט זיין ווייב און קינדער, און ער האט קוים געהאט אויף ברויט און וואסער, און דאס אויך נאר אויף א מצומצמ'דיגן אופן. טראץ דעם, איז ער געזעסן און געלערנט און געדינט דעם אייבערשטן מיט א שמחה וטוב לבב, אזוי ווי דער מחבר שרייבט דעם לשון, כאילו ער וואלט געווען דער גרעסטער עושר.

איין טאג איז ער אהיימגעקומען נאך האלבן טאג, שוין נאך צוועלף אזייגער, און עס איז גארנישט געווען וואס צו עסן. איז ער אריינגעגאנגען צום רב פון שטאט, וועלכער איז געווען א חכם גדול און א חסיד מפורסם. דער רב קוקט אן דעם גרויסן תלמיד חכם פון שטאט, ווי ער קומט אריין אין זיין צימער און עס גיסן זיך טייכן טרערן פון זיין פנים. דער רב איז אינגאנצן דערציטערט געווארן און אים געפרעגט: "טייערער איד, פארוואס וויינט איר?" האט ער געענטפערט אז ער האט געמאכט א ברכה לבטלה, און ער בעט א תיקון ותשובה דערויף. פרעגט אים דער רב: "וועלכע ברכה האסטו געמאכט לבטלה?" האט ער געענטפערט, אז ער האט היינט געמאכט די ברכה פון "שעשה לי כל צרכי", אבער היות עס איז שוין נאך האלבן טאג און ער מיט זיין ווייב און קינדער פאסטן נאך ווייל זיי האבן גארנישט צו עסן – אפילו קיין הארטע טרוקענע ברויט האבן זיי נישט – אויב אזוי פעלט אים דאך זיינע באדערפענישן, און די ברכה איז געווען לבטלה.

האט אים דער רב געענטפערט: "מיין טייערער איד, ווייין נישט, דו האסט נישט געמאכט קיין ברכה לבטלה, ווייל דער הייליגער באשעפער ווייסט פיל בעסער פון דיר וואס דו דארפסט און וואס דיינע געברויכן זענען. דיינע געברויכן היינט זענען צו פאסטן ביז נאך חצות, דאס איז וואס דער אייבערשטער וויל פון דיר. **'שעשה לי כל צרכי' מיינט נישט נאר ווען ער גיט דיר וואס דו טראכסט אז דו דארפסט, און אז אויב דו האלטסט אז דו דארפסט יעצט עסן, מוז דיר דער הייליגער באשעפער יעצט געבן צו עסן. 'שעשה לי כל צרכי' מיינט אלעס וואס דער אייבערשטער האלט אז דו דארפסט; און ווען דער אייבערשטער האלט אז דו דארפסט נישט עסן, איז דאס טאקע וואס דו דארפסט."**

דער אורח האט זיך מורא'דיג משמח געווען מיט דעם פשט, און ער האט מקבל געווען אויף זיך מהיום והלאה מער נישט צו וויינען אויף קיין שום צרה. דער רב האט אים אנגעוואונטשן: "מיין קינד, פון היינט און ווייטער זאלסטו שטענדיג קענען זיין שמח וטוב לב."

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר זענען נישט בשמחה נאר ווייל דער אייבערשטער גיט אונז אדער ווייל "איך האב", נאר מיר זענען בשמחה מיט'ן "שלא עשני גוי". איך פריי מיך מיט'ן אייבערשטן, איך פריי מיך מיט די תורה, און איך פריי מיך מיט אלע אנדערע אידן וואס היטן די תורה. דאס איז אונזער שמחה, דאס איז אונזער פרייליכקייט, און דאס איז אונזער גליק, הייליגע פרייליכע לוסטיגע לעכטיגע אידישע קינדער.**

רבי שפטיה סגל האט דערציילט וועגן זיין רבי'ן, רבי מאיר שמחה, דער "אור שמח" זכר צדיק וקדוש לברכה, אז ביי אים האט מען געזען די יסודות פון שמחה און אמונה שלימה. ער האט זיין גאנץ לעבן געקאכט אין דעם ענין פון אמונה שלימה און שמחה שלימה. ער האט געהאט א בת יחידה, און ער האט איר חתונה געמאכט מיט א גרויסן עילוי פון ווארשא, א גרערר חסיד מיטן נאמען ר' אברהם ליפטעביר, וועלכער איז געווען א גאון הגאונים. נאך די חתונה, לא עלינו ולא עליכם ולא על כל ישראל, זענען נאכנישט געווען קיין קינדער, און זי איז נעבעך געווארן נישט געזונט אין די גייסט, רחמנא ליצלן.

מען האט איר דעריבער געדארפט נעמען צוריק צום טאטן אין שטוב, וואס דאס איז געווען זייער שווער. ר' מאיר שמחה האט געזען דעם מצב און געזאגט פאר זיין איידעם: "א מענטש דארף האבן א ווייב, און מיט מיין טאכטער זע איך נישט אז דו זאלסט קענען לעבן א נארמאל לעבן. גיי מאך א היתר מאה רבנים און האב חתונה מיט א צווייטע פרוי. קום," זאגט אים דער אור שמח, "איך אליין וועל דיר העלפן מאכן דעם היתר מאה רבנים, כדי דו זאלסט קענען אויפשטעלן דורות." דער איידעם האט זיך אבער צעוויינט און געזאגט אז ער וויל נישט אויפהערן צו זיין אן איידעם ביי זיין שווער; ער פילט זיך אזוי דערהויבן און גרויס מיט דעם וואס ער קען זאגן וועמענס איידעם ער איז, און דערפאר וויל ער בשום אופן נישט אוועקגיין פון דארט.

למעשה איז די מצב מיט זיין ווייב נישט בעסער געווארן, און נאכמער, זי האט אנגעהויבן מצער צו זיין און אנשטרענגען דעם גאנצן עולם דארט אין שטאט. ר' מאיר שמחה האט זיך ארויסגעצויגן אינדרויסן פון שטאט, כדי זי זאל קיינעם נישט קענען שטערן, ביז דער מצב איז נעבעך געווארן אזוי שווער אז זי איז נפטר געווארן לחיי העולם הבא, "ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כלכם היום".

**הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר אנטלויפן נישט, מיר זענען עס מקבל באהבה.**

אגב וויל איך צולייגן, ס'איז א מורא'דיגע מעשה וויאזוי דער הייליגער "אור שמח" האט מקבל געווען יסורים באהבה, אזוי ווייט אז ער איז געגאנגען צו זיין איידעם און אים געזאגט אז ער גייט אים העלפן מיט א היתר מאה רבנים. די תלמידים דערציילן אבער אז דא ליגט

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ד פרשת כי תצא ו לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

נאך א שטיקל: רבי מאיר שמחה האט אים געזאגט אז ער אליין גייט נישט חתמ'ען אויפן היתר מאה רבנים, דאס גייט ער שוין נישט קענען טון.

וואס מיר זעען ארויס פון דעם איז, פון וואסערע הימלישע מענטשן מיר רעדן דא, וואסערע גרויסע מענטשן דאס זענען געווען! אבער אפילו הכי איז ער געווען ריאליסטיש; ער האט געהארעוועט און ערלעדיגט דעם היתר מאה רבנים, אבער ער קען עס נישט חתמ'ען. ווייל א מענטש דארף וויסן אז מיר האבן געפילן, מיר האבן זאכן וואס מיר קענען יא באוויזן און זאכן וואס מיר קענען נישט. דאס איז נישט קיין סתירה מיט אמונה פשוטה אינעם אייבערשטן. אמונה פשוטה מיינט אז אלעס טוט דער אייבערשטער און אלעס קומט פונעם אייבערשטן, אבער אויף דעם חלק וואס איז ביד בשר ודם, דארט האבן מיר אונזערע הרגשות, און דארט דארפן מיר האבן די גרעסטע מאס אמונה און בטחון.

מען דערציילט אז די טאכטער פונעם הייליגן רבי מאיר'ל פרעמישלאנער ע"ה איז נישט געזונט געווארן אום יום טוב סוכות. ווען עס איז געקומען שמחת תורה איז דער מצב געווארן זייער ערנסט און מסוכנ'דיג. ווי נאר רבי מאיר פרעמישלאנער האט דאס געהערט, האט ער אנגעהויבן טאנצן הקפות פיל פרייליכער ווי אלע יארן ביז דעמאלטס. די חסידים האבן אבער געזאגט: "רבי, דער רבי טאנצט דא הקפות, אבער מען דארף דאך אויספועלן א ישועה פאר די רבי'נס טאכטער!" רבי מאיר'ל האט אראפגעלייגט דעם ספר תורה, איז אריינגעגאנגען צו איר אין צימער, און געזען אז זיין טאכטער האלט טאקע ביי די לעצטע מינוטן פון איר לעבן. האט ער זיך אנגערופן בקדשתו ובטהרתו: "רבונו של עולם! האסט געגעבן א באפעל, א מצוה אז מען דארף בלאזן שופר ראש השנה? מאיר האט געבלאזן. האסט געגעבן א באפעל, א מצוה אז מען דארף פאסטן יום כיפור? מאיר'ל האט געפאסט. האסט געגעבן א מצוה, א באפעל אז מען דארף זיצן אין די סוכה? מאיר'ל האט געזעסן אין די סוכה. האסט געגעבן א מצוה אז מען דארף זיך פרייען שמחת תורה? מאיר'ל איז פריילוך. אבער יעצט האסטו געמאכט אז די טאכטער פון מאיר'ל זאל זיין זייער נישט געזונט, און דאס דארף מאיר דאך אויך מקבל זיין בשמחה, ווייל 'חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה'. איך בין עס טאקע מקבל בשמחה, אבער רבונו של עולם, עס איז דאך דא א הלכה אז 'אין מערבין שמחה בשמחה' (מען טאר נישט מישן איין שמחה מיט א צווייטער שמחה)!" מיט דעם האט ער געענדיגט זיין תפילה. עס איז געווען פלא והפלא: ווי נאר ער האט געענדיגט רעדן, האט די טאכטער אנגעהויבן שוויצן און זי איז געווארן אינגאנצן אויסגעהיילט.

**די כח פון אמונה פשוטה און דאס לעבן מיט שמחה**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, זעט די אמונה פשוטה פון די צדיקים; פון איין זייט זענען זיי בשמחה און גייען אן מיט אלעס אין לעבן כאילו לא היה, און פון די אנדערע זייט, וויפיל ישועות מ'האט געפועלט מיט'ן כח השמחה. מיט'ן כח פון זיך אוועקגעבן פאר יענעם, פון סובל זיין, מוחל זיין, ליב האבן, און זיין א חלק פון כלל ישראל. זיי לעבן בשמחה, זיי לעבן מיט'ן אייבערשטן, און מיט דעם ווערן זיי געהאלפן.

הייליגע לעכטיגע קינדער, פועלט'ס אלעס גוטס, כל מיני ישועות און א לעכטיגן תמיד, אמן כן יהי רצון.

# הלכות כיבוד אב ואם

**די הארבקייט פון כיבוד אב ואם לויט'ן חיד"א**

בס"ד, כיבוד אב ואם, צען מינוט, די פינף און צוואנציגסטע שיעור. דער הייליגער חיד"א אין נחל קדומים אויף פרשת שמות ברענגט אזוי: לכאורה דארף מען אריינטראכטן, יעקב אבינו איז דאך באשטראפט געווארן פאר די צוויי און צוואנציג יאר וואס ער האט מבטל געווען כיבוד אב ואם. אבער מיר פסק'ענען דאך אז "האב שמחל על כבודו, כבודו מחול" – א טאטע וואס איז מוחל אויף זיין כבוד, איז זיין כבוד מוחל. יצחק אבינו, וואס איז געווען דער צדיק הדור, האט דאך זיכער מוחל געווען פאר יעקב אבינו; אויב אזוי, פארוואס איז יעקב אבינו באשטראפט געווארן? אויף דעם ענטפערט דער חיד"א אז אין ספר חסידים שטייט, אז דאס וואס א טאטע'ס מחילה העלפט איז נאר בדיני אדם, אבער בדיני שמים דארף מען ווייטער באקומען אן עונש. **איר הערט ווי הארב כיבוד אב ואם איז? אפילו ווען דער טאטע איז מוחל. דער חיד"א זאגט אז עס שטייט אין ספר חסידים, אז אויף דער וועלט, אין דעם ענין פון בין אדם לחבירו, איז ער טאקע נמחל געווארן וויבאלד מען האט אים מוחל געווען, אבער בדיני שמים האט ער ווייטער באקומען אן עונש.**

קומט אויס, אז ווען א מענטש פארזינדיגט זיך קעגן זיין טאטן, זאגט דער חיד"א, האט ער צוויי חטאים: איינס קעגן זיין טאטן, וואס

**דברות קודש מכ״ק מרן רבינו שליט״א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ד פרשת כי תצא ו לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

דאס קען דער טאטע מוחל זיין, און דאס צווייטע איז קעגן דעם הייליגן באשעפער. דער הייליגער באשעפער האט געגעבן א מצוה פון ״כבד את אביך ואת אמך״; דער טאטע קען טאקע מוחל זיין אויף זיין גופניות'דיגן כבוד, אבער עס בלייבט נאך אלץ איבער דעם פאקט אז סוף כל סוף האסטו נישט מקיים געווען דעם רצון הבורא יתברך שמו ויתעלה.

יעקב אבינו – איר הערט, דער בחיר שבאבות – יצחק אבינו, וואס האט זיך מוסר נפש געווען זיך צו לאזן שעכטן פאר'ן אייבערשטן, האט אים מוחל געווען. אבער אויף דעם כבוד שמים האט דער הייליגער באשעפער מדקדק געווען, אז ער האט געמוזט באשטראפט ווערן צוויי און צוואנציג יאר; און צוליב דעם איז ער באשטראפט געווארן מיט מכירת יוסף.

**פארשטיין די עלטערן און ספראווען זיך מיט חילוקי דעות**

איר הערט, הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, וואסערע הארבע זאך כיבוד אב ואם איז! יעצט לאמיר זיך אריינטראכטן און פרובירן צו פארשטיין: ס'מאכט זיך אמאל אז ס'איז דא א סכסוך אדער א שוועריגקייט צווישן קינדער און עלטערן. די ערשטע זאך דארף מען וויסן, אז קיין איין טאטע און קיין איין מאמע ווילן נישט טון קיין שלעכטס. אנשטאט דו זאלסט עס אנקוקן כאילו די עלטערן ווילן אלעס אנדערש און פארקערט פון דיר, זאלסטו פארשטיין אז ס'איז פשוט דא א חילוקי דעות. דער אמת איז, אז ס'איז אפילו נישט קיין חילוקי דעות; זיי ווילן גארנישט אנדערש ווי דיר, **זיי טראכטן נאר אנדערש ווי דיר. זייער השקפת התורה, זייער השקפת החיים, זייערע מדות, נאטורן און כאראקטערן, דאס מאכט זיי טראכטן אנדערש פון דיר.**

**און דער הייליגער באשעפער האט געשריבן אין די תורה ״כבד את אביך ואת אמך״, אז די קינדער דארפן טון דעם רצון פון די עלטערן, און נישט די עלטערן דארפן טון דעם רצון פון די קינדער.** אין די תורה הקדושה שטייט אז מען דארף מורא האבן; מען דארף האבן א יראת הכבוד מיט א יראה בפועל, א יראה און א ממשות'דיגן פחד פון ווי טון, מצער זיין, טשעפענען, פארשעמען אדער צוקלאפן עלטערן.

קומט דאך אויס אז די תורה הקדושה פאדערט סיי פון די קינדער, און אויך פון די עלטערן אז זיי זאלן דאס אננעמען און באקומען. עס איז די דרך הטבע אז עלטערן, מיט זייער השקפת החיים און זייער וועג פון טראכטן ברוחניות ובגשמיות, בין אדם למקום ובין אדם לחבירו, וואלטן שטארק געוואלט אז די קינדער זאלן טראכטן פונקט ווי זיי און גיין אין זייערע דרכים. ובפרט ווען אין די תורה שטייט ״שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך״, און מיר האבן הלכות איבער מסורה און מנהגים וואס קינדער זענען משועבד צו די עלטערן; אזוי האלט זיך אידישקייט דור דור, פון אברהם אבינו ביזן היינטיגן טאג, נאר דורך מסורה.

ממילא קומט אויטאמאטיש אויס אז די עלטערן האבן די יד על העליונה, זיי זענען שטערקער ווי די קינדער, און דאס קען טאקע אסאך מאל גורם זיין אז זיי זאלן זיך פירן שווער אדער צו שטארק מיט די קינדער. אבער די ערשטע זאך וואס קינדער דארפן וויסן איז, אז עס קומט חלילה נישט פון שלעכטיגקייט, און עס איז חלילה נישט ווייל זיי ווילן עפעס שלעכטס טון; זיי האבן פשוט אן אנדערע נאטור און אן אנדערע כאראקטער.

אן אנדערע וועג פון טראכטן, אן אנדערע השקפה ברוחניות ובגשמיות, בתכונת הגוף ונפש רוח ונשמה. דאס קינד דארף זיך אויסלערנען, הארעווען און אריינלייגן כוחות צו פארשטיין דעם וועג פון טראכטן פון זיינע עלטערן, זייער וועג פון רעדן, וועלכע זאכן עס טוט זיי וויי און ברענגט זיי ארויס פון די כלים, און וועלכע זאכן עס מאכט זיי בייז. דאס קינד האט א התחייבות מן התורה פון כיבוד ומורא זיך אריינצולייגן דערין, כדי ער זאל קענען אנגיין אין לעבן; אבער אין די זעלבע צייט, זאל ער נישט וויי טון די עלטערן אדער זיי מצער זיין. ער זאל פארשטיין וואס צו זאגן פאר די עלטערן, וויאזוי דורכצוקומען מיט זיי, וויאזוי זיי צו מאכן שפירן גוט, וויאזוי זיי צו חנפ'ענען, און וויאזוי זיך צו קענען מכניע זיין אויף א וועג וואס וועט מאכן אז זיי זאלן זיך שפירן גוט און חשוב, כדי מ'זאל קענען לעבן באהבה ואחוה שלום ורעות. און אפילו הכי זאל ער אליין נישט ווערן צוקלאפט, נאר ער זאל קענען אנגיין אין זיין לעבן מיט זיין וועג פון טראכטן, מיט זיין השקפת החיים, מיט זיין תכונת הגוף והנפש, און מיט זיינע נאטורן און כאראקטערן.

**דער קשר צווישן כיבוד אב ואם און אמונה אינעם באשעפער**

און ברוך הוי״ה ברוך הוא, מיר זענען זוכה, מען קען זאגן, מדי שבוע בשבוע צוזאמענצושטעלן קינדער מיט עלטערן און עלטערן מיט קינדער אויף די שענסטע אופנים. אבער צו דעם פעלט זיך אויס אן אמונה פשוטה צו גלייבן אין די תורה; צו גלייבן אז די תורה הקדושה האט אנגעוואנדן און אנגעהאנגען אונזער אריכות ימים, אונזער ״למען ייטב לך״, אונזערע השפעות, און אלע גוטע זאכן וואס דער אייבערשטער גיט אונז בעולם הזה ובעולם הבא, אין אונזער אויפפירונג.

און נאך מער, דער אייבערשטער האט אנגעהאנגען דעם כיבוד וואס מיר זענען אים מכבד און די מורא וואס מיר האבן פאר אים, לויט

**דברות קודש מכ"ק מרן רבינו שליט"א**
**א לעכטיגן גוט מארגן ד פרשת כי תצא ו לחודש אלול תשפו**
**קול פנים מאירות 845-414-8211**

מיין כיבוד אב ואם און לויט מיין מורא אב ואם. טאמער איך בין נכשל אין כיבוד אב ואם אדער אין מורא אב ואם, זאגט דער אייבערשטער אז איך בין אים נישט מכבד און איך האב פון אים נישט קיין מורא. דאס זענען דאך שרעקעדיגע און גאר הארבע ענינים. קומט דאך אויס, אז די עבודת הקודש פון א קינד איז צו ארבעטן אויף זיך; פונקט ווי ער דארף ארבעטן אויף זיך צו קענען מקיים זיין אלע מצוות התורה, זיין דבוק אינעם אייבערשטן און נישט עובר זיין אויף די תורה, דארף ער נאך פיל מער ארבעטן אויף כיבוד אב ומורא אב ואם.

**און ער דארף אבער אויך גלייבן, אז דער אייבערשטער האט ארייגעלייגט אין די מצוה פון כיבוד אב ואם אלע כוחות כדי מען זאל עס קענען באוויזן; אלע תכונות הגוף, הנפש והנשמה, און אלע עצות.** איין זאך האט די תורה נישט אריינגעלייגט אין כיבוד ומורא אב ואם: אז מען זאל קענען ווי טון, צוברעכן, אונטערדריקן, פארשעמען, אפהאקן אדער מצער זיין עלטערן; אין דעם איז נישט דא קיין שום סיעתא דשמיא. און נישט בלויז דאס, נאר איינער וואס טוט עס, איז זיין תורה נישט קיין תורה, זיין עבודה נישט קיין עבודה, און זיין יראת שמים איז נישט קיין יראת שמים. אויף זיין כיבוד און מורא שמים זאגט דער אייבערשטער: "זיי זענען מיך נישט מכבד, און זיי האבן פאר מיר נישט קיין מורא." זיי דינען בלויז זיך אליין, זיי דינען זייער אייגענע עבודה זרה, און זיי דינען זייערע תאוות מיט זייער יצר הרע, רחמנא ליצלן.

**ווייל דער אייבערשטער זאגט אז אויב איינער רעדט נישט צו זיינע עלטערן, ער האט נישט קיין מורא פון זיי, ער איז זיי נישט מכבד, ער האט נישט קיין התקרבות צו זיי, און ער איז זיך נישט מוסר נפש פאר א טאטע און א מאמע, דעמאלט האט ער גארנישט מיט עבודת ה'; ער איז נישט מכבד דעם אייבערשטן, ער האט נישט קיין מורא פונעם אייבערשטן, און ער דינט נישט דעם אייבערשטן.**

הייליגע לעכטיגע אידישע קינדער, מיר דארפן האבן אמונה פשוטה אין די תורה הקדושה: אין די מצוה פון כיבוד אב ואם, אין די מצוה פון מורא אב ואם, אין דעם פסוק "שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך", און אין די מצוה פון "ואהבת לרעך כמוך" וואס דאס איז א כל שכן לגבי עלטערן. אזוי אויך אין די מצוות פון "לא תקום ולא תטור", "לא תשנא את אחיך בלבבך", "והלכת בדרכיו", און אין די מצוה פון גמילות חסדים - אלע מצוות אין די תורה וואס זענען א בן בנו של קל וחומר פאר עלטערן, וועמענס כבוד און מורא איז דומה צום כבוד און מורא פון הקדוש ברוך הוא כביכול. מען דארף גלייבן אז מען קען, מען דארף, און מען האט די כוחות און מוחות דאס מקיים צו זיין מיט אלע הידורים.

**די חשיבות פון הידור אין כיבוד אב ואם איבער אלע מצוות**

אין די תורה שטייט נישט קיין שום גרויסקייט ווען האבן א מהודר'דיגן אתרוג, אדער מהודר'דיגע תפילין, מהודר'דיגע ציצית, אדער הידורים אין אלע מצוות התורה. און ערגעץ שטייט נישט "לא מיניה ולא מקצתיה" פון דעם וואס עס שטייט ביי די מצוה פון כיבוד אב ואם. דארט דארף מען האבן מסירות נפש, דארט דארף מען אריינלייגן אלע הידורים, אלע כוחות און מוחות, און אן אמונה פשוטה אינעם אייבערשטן פאר הצלחה, ברכה, און סיעתא דשמיא.

***זענט איר איינער וואס העלפט אנדערע אידן זיך בויען אדער שטייגן איז די "מדריכים" שיעורים געמאכט פונקט פאר אייך.***

***מלמדים, טיטשערס און עסקנים זאגן עדות וואסערע שטארקע נוצן זיי האבן ארויסגענומען פון דעם, וויאזוי צו פארשטיין די מענטשן מיט וועם זיי ארבעטן, און זיי צו ברענגען צו א בעסערע פלאץ שנעלער און בעסער. האנדלט אייך איין די "מדריכים" שיעורים היינט דורך רופן אונזער אפיס 845-414-8212, עקסטענשאן 1.***

**זייט מזכה את הרבים צעשפרייט פנים מאירות בכל קצוי תבל 845-414-8211**